NOAH E. COTSEN LIBRARY OF
YIDDISH CHILDREN'S LITERATURE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 13334

DER HEYSHERIK

Carl Ewald

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

קאַרל עוואַלד.

דער הײשעריק

(פון דער סעריע „מעשהלאַך פון דער נאַטור")

איבערגעזעצט

דורך יצחק װײנשטאַט.

פ אַ ר ל אַ ג

„קולטור-ליגע"

ביאַליסטאָק.

ביאַליס-
טאָקער
ראַיאָן
קולטור
ליגע

דער הייזשעריק.

טיף אין אפריקע, דארט, וואו ס'וואוינען די שוואַרצע מענשן, איז זיך אַרומגעשפרונגען אין גראָז אַ הייזשעריק און עפּעס געגעסן.

פּלוצלונג איז געקומען צופליען אַ שוועלבעלע, האָט זיך צוגעזעצט אויף אַ קוסט און האָט דערזען דעם הייזשעריק.

— ווער ביזטו? — האָט געפרעגט דער הייזשעריק.

די שוועלבעלע האָט זיך פארנייגט. זי איז געווען זייער גוט אויפגעלייגט, ווייל זי האָט זיך געקליבן מאָרגן אוועקפליען צוריק אַ היים, און זי האָט אָנגעהויבן צו צווישטשען איר לידעלע:

איך, קלײנינקע שװעלבעלע,
בײנק נאָך מײַן הױז,
כ׳דערהאַרים דאָס הערצעלע —
און פלי באַלד צוריק...

דער װינטער, דער קאַלטער,
ער האָט מיך פאַריאָגט,
ער האָט מיך געטריבן,
ער האָט מיך געפּלאָגט...
די גרינינקע בלעטעלע
ט׳מיר ניט פאַרבײַטן
מײַן ליבינקע נעסטעלע
אינם צפון דעם װײַטן...

— ברוך הבא! — האָט אױסגערופן דער הײַ־שעריק. איך בין זײער צופרידן מיט דיר זיך צו באַקענען. דאָ, װי דו זעסט, איז דאָ עסן איבער־גענוג — ס׳װעט גענוג זײַן פאַר אַלעמען.

כ׳צולאָז מיר די פליגעלאך
און פלי באלד צוריק
צו היימישע וועלדעלאך, —
טשיק, טשיריק, טשיריק...

— אזוי, אזוי, — האָט געזאָגט דער היישע-
ריק — פליסטו, הייסט דאָס, אַוועק? אַ שאָד!
מיר וואָלטן דאָ געקענט זייער גוט פאַרברענגען.
דו האָסט דאָך, ווי איך הער, אַ אמתן כלי-זמרישן
טאַלאַנט!

— אזוי זאָגט מען — האָט עניוותדיק גע-
ענטפערט די שוועלבעלע — און ווער ביזטו?
דער היישעריק האָט איר אויך געענטפערט
מיט א לידל. ער האט אָנגעהויבן מיט אַ זייער
דינינקן קול:

איך בין דער היישעריק,
כ׳שפרינג אַהער און שפרינג צוריק,

כ'פרעס מיך אָן מיט גראָז און היי
און גיי אַ טענצל—אַט אזוי...

ט'איז מיין בעסטער, ליבסטער ליד:
טילי—טאָפּ, טילי—טאָפּ.
כ'עס און ווער קיינמאָל ניט מיד,
אויף מיין גורל קלאָג איך ניט...
האָפּ—האָפּ—האָפּ, האָפּ—האָפּ—האָפּ!

דו ביזט אויך אַ מוזיקאַנט? — האָט געפרעגט די שוועלבעלע.

— אַ קשיה!—האָט געענטפערט דער היישע-ריק — איך שפיל, דאַרפסטו וויסן, די ערשטע פידל אין אַפריקע... דאָס מאַכט דיר אָבער כבוד, וואָס דו קענסט מיך הערן. אנדערע, די מענשן למשל, קענען עס גאָרניט הערן.

— אָ, די מענשן! — האָט מיט שנאה אויסגע-רופן די שוועלבעלע.

— זײ הערן נאָרניט און זעען נאָרניט און מײנען אַז זײ זײנען בעסער פאר אונז. מײן חתן נעמט טיפערע טענער. זײן פידעלע הערן זײ שוין — האָט געזאָגט דער הײשעריק.

— וואו זשע געפינט ער זיך דער אינסטרו־מענט דײנער? — האָט געפרעגט די שוועל־בעלע.

—אָט אָ דאָ,—האָט געענטפערט דער הײשעריק, אויפהײבנדיק די הינטערשטע פיסל — אָט דאָ אין קלעמבּ. דאָס איז אײנע פון די שענסטע פידעלאך, וואָס דו קענסט זיך עס נאָר פּאָר־שטעלן. און אלס סמיק דינען מיר די פליגע־לאך.

— זײער אינטערעסאַנט, — האָט געזאָגט די שוועלבעלע.—און דײן געהער איז בלתי ספק, גוט.

— די אויערן מײַנע זינגען אויף די פּאָדערשטע פּיסלאַך — האָט געזאָגט דער הישעריק.

— װאונדערבאַר!—האָט אויסגערופן די שװעלבעלע.

פון גראָז האָבן זיך דערהערט קלאַנגען פון אן אנדער פידל.

— אַנטשולדיק, — האָט געזאָגט דער הישעריק — דאָס איז מײַן חתן, הײַנט האָבן מיר חתונה.

— כ'װינש אײַך פיל גליק! — האָט געזאָגט די שװעלבעלע.

נאָר דער הײשעריק, ניט אויסהערנדיק אַפילו דער שװעלבעלעס ברכה, איז געשװינד נעלם געװאָרן.

— סאַ װײַסל, שוין נעלם געװאָרן! סאַראַ ריזעװדיקע, באַװעגלאַכע פּיסלאַך ער האָט! —

האָט אַ קלערֶ געטאָן די שוועלבעלע. זי איז געבליבן זיצן אויפֿן קוסט, ווײַל זי האָט באַשלאָסן שוין הײַנט, בין השמשות־צײַט, אוועקפֿליען צוריק אויפֿן צפֿון.

ווען ס'האָט אָנגעהויבן ווערן פֿינסטערלאַך, איז צוריק אַרוים פֿון גראָז דער הײַשעריק.

— פֿארטיק, —האָט ער געזאָגט.

— כ'קען דיר שוין אָפּגעבן מזל־טוב? — האָט געפֿרעגט די שוועלבעלע.

— נישט כדאי— האָט געענטפֿערט דער הײַשעריק. —פֿאר מיר און מײַן מין איז די חתונה דער אָנהויב פֿון סוף. איצט איז מיר געבליבן נאָר לײַגן די אײַעלאך און, אַ גוטן טאָג מיט דער קאפּאָטע, אויסציען די פֿיסלאך און שטארבן.

— און דײַן טאָן? —האָט געפֿרעגט די שוועל־

בעלע.

—ער וועט שטארבן ניט שפּעטער, ווי היינט ביינאכט, אויב ער איז שוין ניט ערגיין געש־טאָרבן.

— א שרעק!—האָט אויכגעשריען די שוועל־בעלע — און ביי אַנדערע איז דאך דאָ אַ גע־טעלע מיט קינדערלאַך און א ליבער מאַן, וואָס זינגט לידעלאך, וועז...

— זיי מיר מוחל, שוועלבעריע, וואָס איך שלאָג דיר איבער אינמיטן! — האָט געזאָגט דער הייטערין.—אָט דאָס, וואס דו דערציילסט, איז נישט מער, ווי אַ געוויינלאכע פוינל־פּלוידערי, וועלכע איך, דעם אמת זאָגנדיק, האָב נאָך קיין חשק ניט אויסצוהערן. דו האָסט דאָך שוין עפּעס אַ סך ארומגעריזט איבער נאָטם גרויסער וועלט און זיך, מן הכתם, אַ סך אָנגעזען, דערי־

בער, לאָמיר בעסער רײדן צו דער זאַך, ווי דערפּאַרענע מענשן. כ'חײם, אנדערע זינגען פֿאַר דער חתונה, אנדערע נאָך. יעדער לעבט אויף זײַן שטײגער. נאָר נאַראָנים מײנען, אז נאָר ווי זײ לעבן, איז רעכט.

די שוועלבעלע האָט דערויף גאָרנישט גע־ענטפֿערט. דער הײשעריק האָט אָנגעהויבן פֿרעסן מאַסנהײט די גראָז. אָנגעסנדיק זיך צו זאַט, האָט ער אַלין צוריק ארויסגעשפּיגן.

— עפּעס מאָדנע זיטן האסטו, בעת דו עסט — האָט געזאָגט די שוועלבעלע.

— דו אלין דאָס דײניקע! — האָט אויסגערופֿן דער הײשעריק.—איך עס מיר אויף מײַן שטײגער. די שטרוי, דארפֿסטו וויסן, איז ניט פֿאַר מײַן מאָגן. איך זויג נאָר אוים די זאַפֿט. דו פֿאַר־דײסט דאך אויך ניט אַלין, וואָס דו עסט אויף.

— אודאי ניט!—האט געענטפערט די שהעל־בעלע.— נאר איך ווארף עס דאך ארוים אויף אן אנדער אופן.

— און דו מיינסט, אז דאס איז שענער!— האט געפרעגט מיט א געלעכטער דער היישע־ריק,— נאר גענוג! לאמיר זיך ניט שפארן איבער קיין נארישקייטן. זאג נאר מיר בעסער... דו זיצסט העכער פאר מיר... דא ארום איז עפעס דא א סך גראז?

— ארום און ארום, אויף וויפיל איך קען נאר פארכאפן מיטן אויג, זע איך רק גראז און גראז — האט געזאגט די שוועלבעלע—דא וועט סטאַ־ען גראז אפשר פאר מיליאנען היישעריקן.

— ס'איז אבער אלץ ווייניק — האט געזאגט דער היישעריק — דא, ביי אונז איז זייער היים, און אויב עס וועלן כסדר שטיין אלץ אזוינע

טרוקענע וועטערן, בעת עס וועלן זיך אויספּיקן אונזערע קינדערלאך, — וועט זיין אַ געהאַלטיקע נערעטעניש אויף הײשעריקן; דאַמאָלסט וועט אָט דאָס ביסל גראָז ניט קלעקן.

— כ׳מײן, באמת? — האָט פאַרוואונדערט געפרעגט די שוועלבעלע, — וואָס טוט איר דאַן אין אַזאַ פאַל?

— מיר הויבן אָן צו וואַנדערן — האָט נעענט־פערט דער היישעריק.

— יע, — האָט געזאגט די שוועלבעלע — דו קענסט זײער גוט שפּרינגען; כ׳האב אלײן געזען.

— הער נאר צו, שוועלבעלע! אין די מקומות, פון וועלכע דו קומסט, איז עפּעס דאָ אַ סך גרינס?

— אודאי! — האָט פרײלאך אויסגערופן די שוועלבעלע — זומער איז עס די גרינסטע לאַנד

אין דער וועלט. פעלדער און וועלדער, לאנקעס און זומפן—אלץ, אלץ איז באדעקט מיט גרינס, און אזוי שיין!..

— איכ'ל וועגן דעם א קלער טאן — האט געזאגט דער הייזשעריק.

— קלער זיך וויפיל דיין הארץ גלוסט — האט מיט א געלעכטער באמערקט די שוועלבעלע. — נאר ניט דא, מיט דיינע דינינקע, קורצינקע פליגעלאך בזיטו ביכולת זיך אהין צו דער־קלייבן. ס'איז א מהלך־רב, הונדערטער מיילן!..

— איך פלי נאך בעסער, ווי דו קענסט זיך נאר פארשטעלן—האט געענטפערט דער הייזשעריק. —אויב נאר דער מאגן מיינער איז נישט פול, און איך האב ניט אין זיך קיין סך אייעלאך, פלי איך זייער גיך. אט, ווי דו זעסט, איז מיין גאנצער גוף פול מיט א סך פוסטע ערטער. איך

נעם אין זיך אָן אַ סך לופט—און דאמאלסט נייט עס, ווי געשמירט.

— אדרבא — האט געזאגט די שוועלבעלע — איכל זיין זייער צופרידן צו טרעפן דארטן עטלאבענע פון דיינע קינדערלאך.

— עטלאבענע! — האָט מיט חוזק אויסגערופן דער הײשעריק,—נ-ניין, ליבינקע, האָסט מיר ניט פארשטאנען. ווען דער הײשעריק באוויזט זיך דאָ, איז ער כחול הים, ניט איבערצוציילן.

— ווייסטו, — האָט ווייטער געזאגט דער הײ-שעריק—דו האסט א מאַן און קינדערלאך און אַ נעכט דארט, ערגיץ אויפן צפון, מיינסטו, אַז דיין קיום האט עפעס אַ געוויסן זין. דער הײשעריק אבער קלערט גאר קיינמאל ניט, אז איינער אליין האט ער עפעס א זין אויף דער וועלט. קלייבן מיר זיך אבער אויף אלע צוזאמען,

דאמאלסט, א, דאמאָלסט זײַנען מיר די שטאַרק-
סטע אין דער װעלט. קײנער קען אונז ניט
אײַנהאלטן. קײַנער קען ניט אונז זיך אנטקעגן
שטעלן. מיר פארניכטן אלץ, װאס מיר טרעפן
אויף אונזער װעג. װילסטו הערן אונזער מלחמה-
לידל?

— מהכי תיתי — האט געענטפערט די שװעל-
בעלע — נאָר מיר דוכט, אז דו ביזט א ביסל
מגזם.

— נו, טו הער זשע! — האט געזאגט דער
הײשעריק, און פֿירנדיק מיטן סמיק איבער זײַן
פֿידל, האָט ער זיך צעזונגען:

װאס מיר ים און װאָס מיר װאַסער!
קײן שום זאך קען אונז ניט שטערן,
אויף צופוקעניש די שונאים
האלטן מיר זיך אין אײַן מערן..

און מיר פרעסן און מיר פליען...
אונזער מאכט איז פעלזן־פעסט
און מיר ברענגען אום די מענשן
און די חיות דורך דער פעכט.
אומעטום, וואו נאר מיר ווילן,
ברענגען מיר די פעסט־באצילן:
מיליאנען, ביליאנען,
טריליאנען, קוואדריליאנען...
און, ווי קינדער פון איין מאמען,
פליען שטענדיק מיר צוזאמען
איבער פעלדער, איבער וועלדער,
איבער שטעט און איבער ימען
פריילאך, מונטער, טילי־טאפ,
און מיר טאנצן האפ־האפ־האפ!..

— ניט אזוי אנגענעם דער לידל דיינער — האט געזאגט די שוועלבעלע. — נאר זאלן מיר דערלאזן, אז אליין, וואס דו זאגסט איז ריכטיק;

טא וואָס־זשע טוט איר אבער, אַז איר עסט שוין אלצדינק אויף?

—כ'ווייס ניט,—האט געענטפערט דער הייש־ריק—כ'ווייס גאָרנישט. נא, שוין צייט צו לייגן די אייעלאך.

און אויסגראָבנדיק דארט, וואו ער איז גע־ועסן, אַ גריבעלע אין דער ערד, האט דער היישעריק אנגעלייגט אַ קופּקעלע אייעלאך.

—דאָ זיינען דאָ 25 שטיק—האט ער געזאָגט. נאַכער האט ער אויסגעגראָבן נאָך אַ גריבעלע און אנגעלייגט נאך אַזא קופּקעלע.

— האַאַ, אַ ביסל גרינגער געוואָרן—האט ער געזאָגט.— געבליבן איז נאָך כך הכל 25 שטיק. ווי נאָר דער היישעריק האט אָפּגעלייגט די לעצטע ביסל אייעלאך, איז ער געוואָרן זייער מיד, די קעפּל און די פליגעלאך האבן זיך אנ-

טעכטיק אַראָפּגעלאָזן.

— כ'האָב זיי פּאַרזאָגט, אַז זיי זאָלן אַוועק אויפן צפון — האָט געזאָגט דער הײַשעריק — דאָרטן וועלן זיי אפשר געפינען גרינגע געגנטן.

— קיין בײַז אויג זאָל זיי ניט שאַטן! — האָט צוגעווינטשעוועט די שוועלבעלע.

— כ'שטאַרב, — האָט קוים-קוים, מיט די לעצטע כוחות, אַרויסגעזאָגט דער הײַשעריק, און איז טאַקע באַלד אַנידערגעפאַלן אַ טויטער אויפן גראָז.

סוף חודש מאַי, ווען די שוועלבעלע איז שוין לאַנג געווען אויפן ווייטן צפון און געזעסן אויף אירע אייעלעך, וואַרטנדיק מיט אומגעדולד, אַז אָט-אָט וועלן זיך אויספּיקן קליינטשקע פֿויגעלעך — אין דעררוועלבער צייט זײַנען אין אַפֿרי-

קע ארויסגעקראכען פון דער ערד דעם היי-שעריקס קינדער.

זיי זיינען געווען, ווי צוויי טראפן וואסער, — די מאמע ווייערע, נאר א ביסל קלענער און אן פליגעלאך. זייער ערשטער אויסגעשריי איז געווען, ווי ביי אלע קינדער: — עסן, עסן!

זיי פלעגן עסן פון אינדערפרי ביז ביינאכט. די מער פלינקערע פון זיי פלעגן די נאכט אויך ניט אויסגלאזן

ווען די שוועלבעלע וואלט איצט געזעען אויפן קוסט, וואלט זי שוין פארשטאנען, ווען וואס ס'האט זיך אזוי געדאנגהט די מאמע-היישעריק.

דער וועטער איז געווען אויסגעצייכנט, און היישעריקן, ווי ס'האט פאראייכגעזאגט די מאמע האבן זיך געמערט ניט פון טאג, נאר פון שעה. די גאנצע סביבה ארום האט געשוויבלט און

געריבלט פון די קליינע זולל־וסובאניקעס.

זיי פלעגן קיינמאל ניט זיין זאט. זיי פלעגן עסן אן אן אויפהער און באלד מאכן אלץ צוריק אויסשפייען. זיינען קיין צוויי טעג ניט אדורך, און דער גאנצער געגנט ארום איז געבליבן אן איין גרעזעלע, אן איין גרינינקן שטענגעלע. אפילו די בלעטער פון די נידעריקע קוסטעם זיינען צופרעסן געווארן, און ס'האבן געכמארטשעט די הוילע צווייגעלאך, פונקט ווי ווינטער.

דער בילד איז געווען א טרויעריקער. נאר די דארטיקע תושבים, די שווארצע מענשן, האבן זיך געפרייט. זיי פלעגן זיך פארנעמען מיט ערדארבעט. קיין בהמות, וועלכע מ'באדארף קארמענען מיט גראז און היי, האבן זיי ניט געהאט. אזוי ארום האט זיי דער היישעריק קיין שום שאדן ניט געבראכט. חוצדעם האבן זיי געגלויבט,

אַז דער הײשעריק איז אַ מין הײליקע באַשע־
פעניש, געשיקט פֿון גאָט. נאָר, ניט קוקנדיק
אויף דעם, פֿלעגן זײ מיט פֿאַרגעניגן זײ עסן;
געבראָטענע הײשעריקן זײַנען געווען בײַ די
שוואַרצע פֿון די געסטע מאכלים.

אויפֿפרעסנדיק אַלץ, וואָס ס'האָט זיך נאָר גע־
לאָזט, זײַנען די יונגע הײשעריקן אַרויס מיט
אַ נײַעם זמרל:

—עסן.. עסן... מיר גײען אויס פֿון הונגער!...

און אָט האָבן זײ אָנגעהויבן צו וואַנדערן.

עטלאַכע פֿון זײ זײַנען אַוועק צו צפֿון צו...
דאָס זײַנען געווען די, וועלכע די מאַמע־הײשע־
ריק האָט אָנגעזאָגט פֿאַרן טויט, אַז זײ זאָלן
אַוועק אַהין, צו די גרינע געגנטן פֿונעם ווײַטן
צפֿון, צו זײ האָבן אָנגעהויבן צושטײן אויך אַ סך
אַנדערע.

די מחנות, וואָס האָבן זיך געצווינגן צו צפון צו, האָבן זיך אַלין געמערט און געמערט. אויף זיי האָבן זיך פאַרקוקט נאָך אנדערע גרויסע מחנות הונגעריקע הײשעריקן—און אַלע צוזאַמען האָבן געבילדעט אַ געוואַלטיק-גרויסע ארמיי, וואָס האט געהאַלטן אַלין .אין איין וואַקסן און וואַקסן אין דער לענג און אין דער ברייט. געגאַנגען זײַנען זיי אַלע צוזאַמען, געדריכט אײנער לעם אַנדערן, אַזוי, אַז די הינטערשטע פלעגן אָפּטרעטן די פיס ביי די פאָדערשטע. ס'האָט אויסגעזען, ווי אן ארמיי סאָלדאַטן, וואָס פאַרניכטעט און פאַרוויסט אַלין, וואָס עס טרעפט זיך איר נאָר אויפן וועג.

קיין שום־זאַך האָט זיי ניט געקענט אפּהאלטן.

די גרעסטע אָזיערעס אָדער בלאָטעס פלעגן זיי ניט פאַרהאַלטן אויף קיין מינוט. די ערשטע שורות פלעגן זיך מוטיק וואַרפן אין וואַסער אריין, די אַנדערע, דריטע, פערטע שורות, פלעגן

זײ נאָכטאָן, אזוי לאַנג ביז דער האַכער פּלעגט װערן אַזוי געדריכט, אַז די איבעריקע מחנות הײַשעריקן פּלעגן אים אריבער אָן שום שװעריג־קײטן, װי אויף דער טריקעניש. כ'איז קײַן נרוי־סער אומגליק ניט געװען, װאָס, נאָך אַזאַ בעדל, פּלעגן מיליאָנען הײַשעריקן דערטרונקען װערן; ס'פּלעגט בלײַבן גענוג, װוצרעם פּלעגט יעדן טאָג צוקומען אלץ פרישע און פרישע מחנות.

— עסן, עסן!—פּלעגן זײ רק שרײַען און נײַן אַלץ װײַטער און װײַטער.

די פויגעלאַך פּלעגן אויפפרעסן די הײשעריקן אַזוי פיל, װיפיל זײ זײַנען נאָר געװען בכוח; די מוראַשקעס פּלעגן מיט זײ פּארבײַסן; מאַסן פון זײ פּלעגן. אויפעסן די יאזשן—מיט אײן װאָרט, װער פון די חיות ס'האט נאָר געקענט האָט זײ ניט געשוינט. מחנות העלפאַנטן, נאָזהערנער און אנטילאָפּן פּלעגן צענדליקער טויזנטער הײַשעריקן

צוטרעטן מיט די פיס. נאר אט די אלע פאר־
לוסטן זיינען פאר די היישעריקן ניט געווען
אפילו פילבאר. וויפיל ס'פלעגט ניט אומקומען
פון זיי איז דאך זייער ארמיי ניט געוואָרן אויף
א האר קלענער; פארקערט, זי פלעגט האלטן רק
אין איין וואקסן, ס'פלעגן צוקומען אלץ פרישע
און נייע מחנות און האבן זיך אלע צוזאמען
נערוקט אלץ פאראויס און פאראויס צו צפון צו.

וואו נאר דער היישעריק פלעגט קומען, פלעגט
ער מיטברענגען מיט זיך נאר חורבן און טויט.
די העלפאנטן און אנטילאפן, פלעגן מוראדיק
רימשען פון הונגער, ווייל נאכן היישעריק פלעגט
פאר זייערטוועגן ניט בלייבן קיין גרין בלעטעלע.
אפילו א טרונק וואסער איז אויך ניט געווען
בנמצא, ווייל אלע אזיערעס, טייכן און וואסערן
זיינען געווען איבערפולט מיט פגרים פון טויטע
היישעריקן, וואס האבן דארט געפוילט און פאר־

פעסטעט די לופט. פארשידענע מינים אינזעקטן פלעגן אומקומען, ווייל זיי האבן ניט געהאט קיין בלעטלעך, וואס זיינען געווינטלעך פאר זיי אין דאס עסן און א היים; ס'פלעגן אויסשטארבן אויך די פייגעלאך, ווייל זיי פלעגן ניט קענען געפינען קיין אינזעקטן ניט פאר זיך און ניט פאר זייערע קינדערלאך.

און די יונגע הײשעריקן פלעגן גיין אלץ ווײַטער און ווײַטער.

איינמאל, ביינאכט, האבן די הײשעריקן זיך אפגעשטעלט. דער גאנצער שטח, וואס איז געווען דורך זיי פארנומען, האט אויסגעזען, ווי א ברוינער באוועגלאכער טעפיך.

— אי, איך פלאץ! — האט אויסגעשריען איינער פון די יונגאטשעס.

— מיר פלאצן, מיר פלאצן, מיר פלאצן! — האט געדונערט ארום און ארום.

און זיי האָבן אָנגעהויבן פּלאצן.

פֿאר דער לעצטער צייט האָבן זיי זיך געהאט אזוי אָנגעפּרעסן און זיינען געוואָרן אזוי גראָב און גרויס, אז די אלטע הייטלאך זיינען שוין געוואָרן פֿאר זיי צו קליין און האָבן זיך צופּלאצט; פֿון זיי זיינען די הייטעריקן ארויסגעקראָכן אין גאַנץ נייע הייטעלאך, וועלכע זיינען געווען אונטער די אלטע. דער הייטעריק וואקסט מאקע אויף אזא אופֿן: אויף צומאָרגנס, ווען זיי האָבן זיך ווידער אָנגעקנעלט אין ווענט אריין, איז דער גאנצער שטח ארום געווען באדעקט מיט א שיכט פֿון אלטע הייטלאך.

פֿינף מאָל האָבן זיי אויף אזא אופן געפּלאצט און מיט יעדן מאָל געוואָרן אלץ, גרעסער און גרעבער. און די לופט האָבן פֿארטויבט זייערע געשרייען: עסן, עסן! אלץ גיכער און גיכער האָבן זיי זיך באוועגט צו צפון. אין א עטלאכענע

טעג ארום האָבן זײ באדארפט שוין צום פינפטן מאל אראָפּװארפן פון זיך די אלטע הײטלאך.

זײ האָבן זיך אָפּגעשטעלט און געמאכט דאָ װײער געצעלט, אָדער, בעסער געזאָגט, טויזנטער געצעלטן, װײל די ארמײ װײערע איז די לעצטע צײט געװאָרן זײער גרויס. א געװאלטיקע גערע־טעניש איז דעם יאָר געװען אויף הײשעריקן, װי ס'האָט פאָראויסגעזאָגט די מאמע־הײשעריק.

הײנטיקן מאָל אָבער איז אין זײער לאגער געװען א סך א גרעסערער טומל, װי שטענדיק.

הײשעריקן זײנען געװען אזוי פיל, אז טומ־לענדיק און דרײענדיק זיך, פלעגן זײ זיך צו־קלאפּן אײנער אָן אנדערן. נאָר — א װאונדער — איצט האט קײנער פון זײ ניט געשריען: עסן! און קײנער פון זײ האָט ניט אויסגעשפּיגן די גראָז, מיט װעלכער ער האָט זיך פריער אָנגע־פרעסן. ס'איז געװען צו באמערקן, אז זײ גרײטן

זיך אלע צו עפּעס זייער ווילדטיקעס. זיי האבן געגלאָצט איינער אויפן אנדערן מיט משונה־גרויסע אויגן און געפירט א שטילן שמועס צווישן זיך.

— היינט ביינאכט וועט עס געשען — האָט א זאָג געטאן איינער פון זיי.

— היינט ביינאכט... היינט ביינאכט... היינט ביינאכט.. — האט געזשומעט אין אלע ווינקע־לאך.

פון די סך מיליאנען הייעשריקן איז ניט גע־ווען איינער אפילו, וואס זאל בלייבן גלייכגילטיק אין דער דאזיקער נאכט. אלע האבן עפּעס מיט א מאדנעם יראת הכבוד און אומגעדולד גע־הארט אויף ווילטיקע געשעענישן.

פלוצלונג, ווי דורך א קאמאנדע, האבן אלע היישעריקן געפלאצט. נאר איצטיקן מאל איז

דער סך הכל געהיען נאָר אן אנדערער, ווי פריער, אין די פאַבריקע מאַלן.

איצט זײנען פון די אלטע הײטלאך ארויסגע־קראָכן גרויסע, דערוואַקסענע הײשעריקן מיטן גאנצן קלאפּער־געצײג, מיט פליגעלאך און פי־דעלאך.

יעדער אײנער פון די הײשעריקן האָט איצט פאַרמאגט פיר שײנינקע, רײנינקע פלי־געלאך. אט די מעשה, האט זײ, ווײזט אויס, שטארק הנאה געטאָן: זײ האָבן געקלאפּט מיט די פליגעלאך, געזשומעט, געטרעשטשעט און גע־פלוידערט, געפלוידערט אָן א סוף. און ווען זײ אלע האָבן צולאזן די פליגעלאך, האט אויסגעזען, ווי זײער מחנה האָט זיך פארטאפלט.

ווען די זון איז אויפגעגאנגען האָט אײנער פון זײ אויסגעשריען:

— עסן, עסן, עסן!

— עֶסן, עֶסן, עֶסן! — האָבן אים געענטפֿערט מיליאָנען חברים.

ארום איז קיין עֶכּנהארק ניט געװען. נאָר דאָס האט זיי איצט קנאַפּװאָס געאַרט: זיי האבן דאָך שוין געקענט פליען, ביי אלעמען זיינען די מאָגנס געװען פּוסט, װייל זיי האָבן שוין א לענגערע צייט גאָר אין מויל ניט געהאט. זיי האָבן אָנגעהויבן זיך אָנפּאַטפּען מיט לופט, אזוי לאנג, ביז זיי האָבן זיך אנגעבלאָזן, אז זיי האָבן אויסגעזען װי קליינע לופטבאַלאָנלאַך.

ערשט דאן האָבן זיי צולאָזן זייערע פליגעלאַך.

דא האָט איינער פֿון זיי אנגעהויבן אנשטעלן די פּידעלע זיינע. ס׳האבן אים באלד נאָכגעטאן מיליאָנען חברים. און װען די גאנצע מחנה האָט זיך אויפגעהויבן אינדערהויך, האָט איבער דעם פּארװיסטן לאנד געקלונגען דאס ליד...

— הײשעריק מיר, הײשעריק...

זיי האבן זיך געהייבן אלץ העכער און העכער. ס'האט נאך קיינמאל קיינער ניט געזען אזא מחנה אינדערלופטן. ווי א געדיכטער וואלקן האט זי פארדעקט די זון, און אויף דער ערד איז געווארן חשך-מצרים. די שווארצע מענטשן זיינען פון שרעק און צוטומלעניש געפאלן מיטן פנים צו דער ערד; זיי האבן געמיינט, אז די זון ווערט פארלאשן, און ס'איז אן עק פון דער וועלט.

נאר אלץ ביז א סוף. ווען די מחנה איז אנטרונען געווארן צו צפון צו, האט זיך די זון ווידער באוויזן, און א פרישע גרעזעלע האט אנגעהויבן אומזיכער ארויסקוקן פון דער פארוויסטער ערד.

אויפן סאמען צפון-אפריקע, ביים מיטללאנדישן ים, ליגט איינע פון די שענסטע געגנטן אין דער וועלט.

רעגן און שיינער וועטער בײַטן זיך דא אין דער מאס און צו דער צײַט, און ברויט וואקסט דאָ אויסגעצײַכנט. די גראז אויף די לאנקעס דערגרייכט אויף דעם וואוקס פון א מענטשן, און אויף די בערג ברעכן זיך די צווײַגן אונטער דער משא פון די גרויסע, זאפטיקע טרויבן. דארטן אין יענעם געבענטשטן לאנד, ווייסט מען ניט פון קיין אומעטיקן קאלטן ווינטער. נאָר אויף א קורצע צײַט רוען מכלומרשט אפ די געוואוקסן כדי דערנאך מיט נאכמער פראכט צו בליען. ס'זײַנען אָבער דארט ניטא אין קיין ברענענדיקע היצן, ווען די זון פארברענט די גראז, ווען טײַכלאך און אָזיערעס ווערן אויס־געטריקנט און מענטשן און חיות לעכצן נאך א טרונק. קוואלן ריינע, דורכזיכטיקע וואסער רייסן דורך די פעלדער, פ־וכטבארע ערד, און די זון מיט אירע גאָלדענע און פורפור־רויטע שטראלן,

שפּינלען זיך און באַדן זיך אין זײַ. קײַן ווילדע בלוט דורשטיקע חיות איז דאָרט ניט צום טרעפן חוץ מ'האָט זײַ שוין לאַנג פון דאָרטן אויסגעראָטן, און די גערינכטע, כּוחותפולע העל־דער שפּרינגען אַרום הירשן, און לוסטיק שטיפּן פויגעלאַך, אַרום די שײנע, שמעקעדיקע בלומען דרײען זיך בינען און פאַרשײדנפאַרביקע פלע־טערלאַך.

דאָ לעבן, צופרידענע מיט זײער גורל און אײנער מיטן אַנדערן, מענשן מיט געזונטע פּנימער, אָפּגעבּרענטע פון דער זון.

אין אײנעם פון די דערפער פון יענעם גע־בענשטן לאַנד, אין אַ יום־טוב־טאָג איז עס געװעזן, האָבּן זיך צונױפגעקליבּן אַ סך מענשן פאַר אַ הויף, וואו ס'איז פאַרגעקומען אַ חתונה.

אַלעמען איז געוועזן זײער פרײלאַך, און אינ־

אחנט האָט באַדאַרפט װערן נאָך פֿריילאַכער: ס'האבן זיך באַדאַרפט אנהויבן די טענץ. מאמעס זײַנען געקומען מיט קינדער אויף די הענט, אלע האָבן געװאָלט אנטײלנעמען אין דער אל-געמײַנער שמחה. די כּלי-זמר האבן אנגעהויבן צורעכטמאַכן זײערע כּלים און זיך געמען צו דער מלאכה. זײ האָבן נאר געװוארט ביז דער אלטיטשקער, דער עלטסטער אין דאָרף זאל ענדיקן זיין דרשה, װאס ער האט געהאלטן צו חתן-כּלה.

— דאָ װועט אײַך זײַן בעסער, װי אומעטום — האָט פֿארענדיקט דער אלטיטשקער — אויב איר װעט זײַן גוט און ערלאך, װעט אײַך גאט ברוך הוא, שענקען פֿון אלדאס גוטס, די ערד װעט אײַך געבן מיט דער פֿולער האנט, און איר װעט קײנמאל ניט װיסן, װאס עס איז אזוינס נויט...

ער האט געדריקט חתן־כלה די הענט, און אלע געסט האבן געשריען הורא... פלוצלונג האט אימיצער אנגעוויזן מיטן האנט אויפן דרום און אויסגעשריען:

—זעט, נאר, רבותי!.. זעט, או־או, סארא שוואַרצע כמארע! כ'האב מורא, אז אינאווענט וועט זיין א שלאַקס־רעגן!

— אין דער צייט פלעגט ביי אונז קיינמאל ניט רעגענען — האט געזאגט דער אלטיטשקער —פאר די גאנצע הונדערט יאר, וואס איך לעב דא, האט נאך אזא ווינט, ווי דער היינטיקער, קיינמאל קיין רעגן ניט געבראכט.

—טא וואס־זשע זאל באדייטן אט די כמארע?

— האט מען אים געפרעגט פון אלע זייטן.

אלע האבן זיך פארקוקט אויף דער זייט, פון וועלכער ס'האט זיך געטראגן די כמארע. קיינער

אבער האט ניט געקענט באשטימט זאגן, וואס זי וועט מיט זיך ברענגען.

און די כמארע איז געווען זייער גרויס. זי האט אויסגעזעהן א סך געדיכטער, ווי א פשוטע רעגנכמארע. זי האט זיך געהאלטן נידעריק פון דער ערד. אט איז זי געוואָרן אַלץ נענטער און נענטער, אויסוואקסנדיק אין די אויגן. די מענשן, וואס האבן אויף איר געקוקט, האבן שוין געפילט, ווי עס ווערט אלץ פינסטערער און פינסטערער.

— וואס זאל עס באדייטן?

ס'האבן זיך צונויפגעקליבן גאנצע געזעמלען מענשן, האבן געקוועטשט מיט די פלייצעס געפרעגט איינער ביים אנדערן, זיך באלד אליין טאקע געענטפערט, געבליבן מיט דער אייגענער תשובה ניט צופרידן און באלד טאקע געשטעלט איינער דעם אנדערן ווידער קשיות. קליינע קינ־

דער האבן זיך דערשראקן און אנגעהויבן צו שרייען. די מאנסבילן זיינען געוואָרן ערנסט; די פרויען אומרואיק.

אומזיסט האָט דער חתן זיך געבעטן ביי די געסט, אז זיי זאָלן זיך בארואיקן און נעמען עפּעס אין מויל אריין, אומזיסט האָבן די כלי־זמר זיך געפּרוּבירט צושטרויען דעם עולם מיט מוזיק— אלע האָבן געפילט, אז ס'איז עפּעס ניט גלאטיק. אלע זיינען געזעסן, ווי פארשטיינערט. האָבן זיך געגורעט איינער צום צווייטן און מיט אלע אוינן זיך איינגעקוקט אויף דער כמארע, וואָס האָט זיך געצויגן אויף זיי. די יום־טובדיקע שטימונג איז פארשוואונדן. קיינער האָט קלאָר ניט געוואוסט, פארוואס מ'דארף דאָ מורא האבן און פונדעסטוועגן האָבן אלע מורא געהאט.

און די כמארע האָט אלץ געוואַקסן און גע־וואַקסן, אראפּלאזנדיק זיך אלץ נידעריקער און

נידעריקער. אט האָט זי שוין פֿאַרשטעלט די זון, און אַ געדיכטע פֿינסטערניש האָט ארומגע-חיקלט די ערד. די פֿויגעלאַך אין װאַלד זײַנען אַנטשװיגן געװאָרן, און די מענשן האָבן פֿאַר שרעק זיך נאָך מער געגורעט אײנער צום אַנ-דערן.

— שאַ! איר הערט? — האָט געזאָגט דער אַלטיטשקער.

הײשעריק מיר, הײשעריק...

דאָס איז געװען דעם הײשעריקס קאמף-ליד. קײנער האָט די װערטער ניט פֿאַרשטאַנען, װײַל דאָס זײַנען געװען מענשן. אַלע אָבער האָבן גע-הערט אַ זשומען מיט אַ קלאַפּן פֿון אַ סך, אַ סך פֿליגעלאַך, און אַלע האָבן געזען װי די כמאַרע װאַקסט און װאַקסט.

— אױ! ס'איז עפּעס אַראָפּגעפֿאַלן פֿון דער

כמאַרע!—האָט אויסגעשריען א קליין אינגעלע.

ער האָט געהאַלטן אין האַנט אן היישעריק. אַלע זיינען זיך צונויפגעלאָפן זען, וואָס דאָס איז אַזוינס. אין דער זעלבער מינוט זיינען אראָפגע= פאַלן פון אויבן אויף דער ערד נאָך עטלאַכענע היישעריקן—און ס'האָט לאַנג ניט געדויערט, ווי די גאַנצע כמאַרע האָט זיך געגעבן אַ לאָז אראפ אויף דער ערד מיט א קלאפעריי און זשומעריי, אַזש טויב צום ווערן. מענשן האָבן זיך פאַר די קעפּ געכאַפּט און געכמאַרעט אַראָפּוואַרפן פון זיך די היישעריקן, וועלכע זיינען זיי פארקראָכן אין די אויערן, אין מויל, אין נאָז, אויף די בגדים און אונטער די בגדים, וועלכע האָבן זיך איינגעטשעפעט און פאַרפּלאָנטערט אין די האָר. פרויען און קינדער האָבן געשריען, מאַנסבילן האָבן געמאַכט מיט די הענט אַרום זיך און גע= נומען צו הילף די שטעקנס; זיי פלעגן טרעטן

די הײשעריקן מיט די פיס—נאָר ס'האָט נאָרניט געהאָלפן: ס'האָט געהאלטן אָן אַן אויפהער אין אײן רעגנען מיט הײשעריקן. פאַרמאַטערטע און הילפלאָזע האָבן די מענשן זיך אַ לאָז געטאָן צו די הײזער, שרײַענדיק און טאַכנדיק מיט די הענט. קײנער האָט זיך נאָר קײן עצה ניט געקענט געבן. נאָר אין די הײזער איז דאָס בילד געװען ניט װײניקער שרעקלאַך: װאו נאָר אַ שפּאַרונעלע, װאו נאָר אַ לאָך—אומעטום איז פול געװען מיט הײשעריקן: אויפן טיש, אונטערן טיש, אויפן בעט, אונטערן בעט, בקיצור, ס'איז קײן פרײ שטיקל אָרט ניט געװען, װאו מ'זאָל זיך אפילו קענען צװעצן און אָפּכאַפּן דעם אָטעם. אויב אימיצן איז יע געלונגען צו פאַרקלאַפּן טיר און פענסטער, פלעגן די הײשעריקן אַרײַנקריכן דורך די קוימענס און שפּאַרונעס.

צוויי־שעה נאָכאַנאַנד האָט געדויערט דער היישעריק־רעגן. לסוף איז דער הימל ריין געוואָרן, און די זון האָט זיך ווידער באַוויזן. אָבער די ערד!.. די ערד איז איצט געווען אינגאַנצן באַדעקט מיט די ברואים, וועלכע זיינען געווען זייער פאַרטיפט אין דער אכילה. די בוימער זיינען געווען באַלאַגערט, ווי פעסטונגען; טויזנטער, צענדליקער טויזנטער אויף יעדן בוים; די צווייגן האָבן זיך אויש געבראָכן אונטער דער שווערער משא. א ביטערער צער איז געבאַך געווען אויף די הויז־חיות: אויף הינט, קעץ, פערד און אויף די עופות: הינער, קאַטשקעס וכדומה; ווי די מענשן, אַזוי אויך זיי פלעגן ניט קענען זיך אָפּשלאָגן פון די היישעריקן, מיט וועלכע זיי זיינען געווען באַהאַנגען פון אויבן ביז אַראָפּ. די היישעריקן פלעגן זיי ביַסן, אָנטאָן שרעקלאַכע יסורים, און די חיות און עופות האָבן זיך גע־

וואָרפֿן פֿון איין אָרט אויפֿן אנדערן, האָבן ביטערלאַך געיאָמערט און זיך גאָר קיין עצה ניט געקענט געבן.

די מענשן זיינען געווען אויסער זיך; זיי האָבן ניט געוואוסט, וואָס צו טאָן. פֿאַרצווייפֿלטע פֿלעגן זיי ארויפֿגיין אויף די בערגלאַך, כדי צו כאַפּן אַ קוק אויף זייערע פֿעלדער און גערטענער. וויי־וויי! אַלין איז געווען געדיכט באַדעקט מיט היישעריקן. פֿול מיט יאוש פֿלעגן זיי אויפֿהייבן די אויגן צום הימל, זוכנדיק הילף. א שרעק! נייע כמאַרעס היישעריקן האָבן זיך געטראָגן פֿון דרום. זיי פֿלעגן ניט באַווייזן זיך אפֿילו פֿאַרן קאָפּ צום כאַפּן—און א נייער היישעריק־רעגן האָט פֿאַרפֿלייצט דאָס לאַנד. די אויפֿרעגונג און פֿאַרצווייפֿלונג פֿון די מענשן איז געווען אין־לשער.

נאָר אָט זיינען די מענשן ארויס פֿון די פֿלים, האָבן זיך אַרויסגעריסן פֿון די הייזער, האָבן אָנ־

געבראָכן צחײנן און אָנגעהױבן צו שלאָגן די הײשעריקן מכות-רצח. מיליאָנען הײשעריקן זײנען דערהרגעט געװאָרן פֿון די קלעפּ, נאָר ביליאָנען און טריליאָנען זײנען אַרױסגעקראָכן אהער און אהין, האָבן געפֿלױגן, געשפּרונגען, געפֿרעסן אױף װאָס די װעלט שטײט און געאַרבעט מעשים.

מ׳האָט אונטערגעצונדן די גראָז אין די ערטער, װאו ס׳איז געהאַט געװען אָססמײנסטן הײשעריקן. דער פֿײער האָט געטרעשטשעט, דער רױך האָט זיך געחיקלט, די גרינע גראָז און געלע פֿעלדער האָבן געפֿלאַמט, און דער הײשעריק, אַזױ װי ניט אים מײנט מען, האָט זיך רואיק אױפֿגעהױבן און אריבערגעפֿלױגן אױף די ערטער, װאו קײן פֿײער איז ניט געװען. דאָרט האָט ער זיך װידער גענומען צו זײן מלאכה: קײַ און שפּײַ.

אין א נאָך גרעסערער פֿאַרצװײפֿלונג זײנען אַרײַנגעפֿאַלן די מענשן, דערזעענדיק, אַז אַפילו

קיין פייער נעמט אים ניט. ביי אַ־עטען האָבן זיך אַראָפּגעלאָזן די הענט...

אַ גאַנצע אַכטאָג האָט זיך דער היישעריק גע־לאָזן וואוילגיין. ערשט, ווען אַלין איז שוין געווען פאַרוויסט, ווען ס'איז שוין, ווי מ'זאגט, קיין שטיין אויף קיין שטיין ניט געבליבן, האָבן זיך די היי־שעריקן אויפגעהויבן און אין אַ שרעקלאַכער, גרויזאַמער כמארע אוועק ווייטער צו צפון צו; איבערן ים התיכון.

מיט שרעק, האָבן די מענשן זיי נאָכגעקוקט. חתן-כלה האָבן באַוויינט זייער חרוב געוואָרענע הויז. די כלי־זמר האָבן פאַרוואָרפן די פידלען און דער אַלטיטשקער איז פון גרויס עגמת־נפש געשטאָרבן.

דאָס גאַנצע לאַנד, אַ בליענדע און גליקלאַכע, איז חרוב ומוחרב געוואָרן.

הארבסט-צײַט איז די שוועלבעלע, ווי שטענדיק, אַוועקגעפֿלויגן קײַן אַפֿריקע. זי האט שוין געהאט אויסגעטראָגן און אויסגעזועסן אירע אײעלאַך און פֿארביסן מיט די לעצטע אינזעקטן. מיט דעם האָט זיך איר אַרבעט אויפֿן צפֿון געענדיקט. זי איז געווען אַן אַלטע, דערפֿאַרענע שוועלבעלע. א סך מאָל איז זי שוין געפֿלויגן אהער און אהין און דעריבער גוט געקענט דעם וועג. זי האָט אויך גענוי געוואוסט די ערטער, וואו מ'קען זיך אָפּשטעלן א ביסל אויסרוען די פֿאַר-מאַטערטע פֿליגעלאַך.

אויפֿן ים-התיכון איז געווען א וואונדערשײנער אינזל, וואו די שוועלבעלע פֿלעגט זיך שטענדיק אָפּשטעלן, בעת זי פֿלעגט פֿליען אויפֿן דרום. דער אינזל איז ניט געווען קײן גרויסער, אזוי, אז אויף דער געאָגראַפֿישער קאַרטע האָט ער ניט געקענט אַרײַנפֿאַלן. דאָס האָט אים אָבער

ניט געשטערט צו זײַן באַזיבערנד שײַן און האָבן גרויסאַרטיקע סעדער, ברײַטע פּעלדער מיט אַל דאָס גוטס און שמעקעדיקע, בלומיקע לאָנקעס. אויך מענשן האָבן דאָרטן געוואוינט און חיות האָבן געלעבט. דאָרטן, אויף דעם אינזל, איז אויך געהאַט געווען דער שוועלבעלעס אַן אַלטער, גוטער באַקאַנטער, דער קלײנער, גרינער טשיזשיק.

קומענדיק איצט צופליען אויפן אינזל און צו־זעצנדיק זיך אויפן בוים, וואו ס'האָט געהאַט געוואוינט דער טשיזשיק, איז די שוועלבעלע נבהל ונשתומם געוואָרן פון בילד, וואָס האָט זיך איר אַנטפּלעקט פאַר די אויגן.

דער אינזל איז געווען גישט צום דערקענען. קײַן קול פון קײַן פויגעלע האָט מען אין וואַלד ניט געהערט, ניט קײַן פּעלדער, ניט קײַן לאָנ־

קעס, ניט קיין חיות און ניט קיין מענשן. חויסט און פארלאָזן זיינען געשטאנען די הייזער מיט ברייט־פאנאנדערגעעפנטע טירן און פענסטער. קיין סימן פון קיין זאנג און קיין כימן פון קיין גרעזעלע איז ניט געוועזן. די בוימער זיינען גע־שטאנען נאקעטע, אן בלעטער און אפילו אָן קאָרע; א סך פון זיי זיינען געווען צוּבראָכן און די צווייגן פארטריקנט. א שרעקלאכעם בילד! א גרויזאמעם בילד!

די שוועלבעלע האָט שוין געמיינט, אז זי האָט זיך פארבלאָנדזשעט און איז ניט ווילנדיק פאר־פלוינן אויף אן אנדער אינזל. נאָר דאָ איז צו איר צוגעפלויגן איר גוטער באקאנטער, דער טשיזשיק, און האָט זיך צינעזעצט לעבן איר. אָ, ווי ער האָט איצט אויסגעזען! ער איז געווען שרעקלאך מאגער, איינגעדארט, ווי א שפאָן, די פעדערן צושויבערט און דער גאנצער אויס־

זעְן אַזאַ נעְבאכדיִקעְר, רחמנותדיִקעְר.

— אום גאָטעְס ווילן!—האָט אויסגעְשריִעְן די שוועְלבעְלעְ,—וואָס זאָל אָט דאָס אַלין באַדיַיטן?

— כ'האָב געְוואוסט, אַז דו וועְסט עְס מיר פרעְגן—האָט געְעְנטפעְרט דעְר טשיִזשיִק. — דאָ אויפן איִנזל בין איִך אַליין געְבליִבן לעְבן און דאָס פיִל איִך, אַז, ניִט היַינט—מאָרגן, מיַין סוף איִז נאָענט. איִך בין אַזוי צוּבראָכן און אָפּגעְשוואַכט, אַז פון דרום מעְג איִך שוין פארגעְסן.

— נאָר... נאָר וואָס איִז דאָ געְשעְען?—האָט געְפרעְגט די שוועְלבעְלעְ.

— דעְר היַישעְריִק איִז אָנגעְפאלן—האָט געְעְנטפעְרט דעְר טשיִזשיִק—און ווי דו זעְסט, חרוב געְמאכט דעְם גאַנצן איִנזל.

— כ'הויב דאָס ניִט אָן צו פארשטיַין—האָט געְזאָגט די שוועְלבעְלעְ. — אנומלטן, וויַיט, וויַיט

פֿון דאנעֶן, אין דעֶר טיפֿעֶר אפריקעֶ, האָב איך געֶשמועֶסט מיט אן היישעֶריק. עֶר האָט געֶשפּילט אויף אַ פֿידעֶלעֶ און געֶגעֶבן גראָז, ניט ברייננגעֶנ־דיק קיינעֶם קיין שום שאָדן... א, יעֶ!.. וואַרט נאָר, איך דעֶרמאָן זיך! דעֶר היישעֶריק האָט געֶ־האַט פֿאַרזאָגט זיינעֶ קינדעֶרלאך, אז זיי זאָלן אחועֶק אויפֿן צפֿון... יעֶ, נאָך! אז אויף נאָטש וועֶלט וועֶלן זיך באווייזן א סך,-א סך, מיליאָנעֶן היישעֶריקן...

— און ווי האָבן זיך טאקעֶ באוויזן—האָט געֶזאָגט דעֶר טשיזשיק,—מיליאָנעֶן, ביליאָנעֶן, טריליאָנעֶן—ניט איבעֶרצוצייילן. זיי זיינעֶן אויף אונז אָנגעֶלאָפֿן, ווי א שווארצעֶ כמארעֶ, און אלץ פֿאַרדאַרבן, אלץ צופֿרעֶסן.

— אז זיי האבן אויפֿגעֶגעֶסן די גראז און געֶהאוקסן - פֿאַרשטייט איך נאך — האט געֶזאגט די שוועֶלבעֶלעֶ —וואו זיינעֶן אבעֶר די קי, פֿעֶרד

און די איבעריקע בהמות? וואו זיינען די מענשן? כ'מיין, אז די הײשעריקן האבן זיי דאך ניט אויפגעגעסן.

— כמעט ווי זיי אויך — האט געענטפערט דער טשיזשיק, — נו, איבל דיר שוין דערציילן אלץ כסדר.

די שוועלבעלע האט דערפילט א פחד. זי האט זיך דערמאנט, ווי די מאמע־הײשעריק האט איר געהאט דאמאלסט אזוי נאכגעפרעגט וועגן די צפון־לענדער און, דערוויסנדיק זיך, אז דארטן איז דא געגוג גדינס, האט זי פארזאגט אירע קינדער אוועקפליען אהין.

— ווי גאט איז דיר ליב! — האט אויסגע־שריען די שוועלבעלע, — זאג מיר, וואו אהין איז איצט אוועק דער הײשעריק?

— אין די ארעמס פון טויט — האט גע־

ענטפֿערט דער טשיזשיק. — חײניק פֿון זײ זײַנען נאָך געבליבן לעבן.

— נו, דערצײל, דערצײל! — האָט זיך געבעטן די שוועלבעלע.

דער טשיזשיק האָט איר דערצײלט, װי אַזױ דער הײשעריק איז אָנגעפֿלױגן װי אַ שװאַרצע כמאַרע, אױפֿן אינזל. די הײשעריק־כמאַרע איז געװען באַדײַטנד גרעסער, װי דער אינזל, און דעריבער זײַנען אַ סך, אַ סך מיליאָנען הײשעריקן אַרײַנגעפֿאַלן אין ים אַרײַן און זײַנען דערטרונקען געװאָרן. די איבעריקע זולל וכוסאַניקעס, װאָס האָבן באַדעקט דעם גאַנצן אינזל, האָבן אים אין אַ משך פֿון אײן טאָג חרוב געמאַכט. זײ האָבן אױפֿגעפֿרעסן די גאַנצע גרינס, ניט איבערלאָזנדיק קײן גרינינקן שטענגעלע אַפֿילו...

—און דערנאָך? — האָט אומגעדולדיק איבער־

געשלאָגן די שוועלבעלע.

— דערנאָך?.. יע! אין דעםזעלבן אָוונט האָט אויסגעבראָכן א בוראַריקע זאַווערוכע — האָט חײַ-טער דערצײלט דער משיזשיק, — אָבער א שטורעם! אין מײַן לעבן האָב איך נאָך אַזעלכעס ניט געזען. ס'האָבן זיך געקערט הימל און ערד. דע-כער פון הײַזער זײַנען אַראָפּגעריסן געוואָרן, בוי-מער אין וואלד זײַנען צובראָכן געוואָרן, און שרעקלאך, גרויסע כוואליעס האָבן זיך אויפגעהויבן אין ים, אַזעלכע גרויסע, אַז זײ האָבן אַוש דערגרייכט די שפּיצן פון די בערג, וואָס לעבן ים. דער שטורעם האָט אומגעבראכט די גאנצע ארמײ היישעריקן. כּיליאָנען און ביליאָנען פון זײ זײַנען אומגעקומען, און די פגרים זײערע האָבן פארדעקט דעם גאנצן ים אַרום. דער ברעג-ים איז געווען פארלײגט מיט חמרים טויטע הײשע-ריקן, און יעדע כוואליע פלעגט צוברײנגען אַלץ

נײַע און נײַע פּנרים. דער סוף איז געװען, אז דער נאנצער אינזל אונזערער איז, װי מיט א רונג, געװען אַרומגענומען מיט חמרים טויטע הײַשעריקן. שפּעטער האָט עס דער ים אַרויס־געװאָרפן צו אונז אויפן אינזל — און דאָ ערשט האָט זיך עס אָנגעהויבן...

— האָט? — האָט אומרואיק געפּרעגט די שװעלבעלע.

— די פּעסט — האָט מיט א זיפץ געענטפערט דער טשיזשיק.

— און דערנאָך? — האָט געפּרעגט די שװעל־בעלע.

— מיט דעם אײַנגנטלאך איז שוין אלץ גע־זאָגט — האָט געענטפערט דער טשיזשיק — דער שטורעם איז, פאַרשטײט זיך, אַריבער, און א מוראדיקע שטילשװײַגעניש האָט פאַרנומען איר

אָרט. ס׳זײַנען אָנגעקומען שרעקלאכע היצן, אַזעלכע שטארקע, אַז ס׳איז אין לשער. פון אינדערפרי ביז בײַנאכט האָט די זון אומרחמנותדיק געבאַקט, און ס׳איז געווען אַזוי הײַם, ווי אין אַ קאַלכאויוון. מאכטלאָז און פֿארשמאכט זײַנען אראָפּגעהאנגען די פֿארטריקנטע נאקעטע צווײַגן פון די בוימער. די וואסערן האָבן זיך אויסגעדאמפּט; מענשן און חיות האָבן קיין כח גיט געהאט די פיס צו שלעפּן און זײַנען געזעסן אדער געלעגן שטיל אויף איין אָרט און געקרעכצט..

— און ווײַטער?

— נו, און דאָ האָט זיך צולאָזן אויף אלע כלים די פּעכט — האָט געזאָגט דער משוגעניק — די פגרים פון די הײַשעריקן, וואָס דער ים האָט אַרויסגעוואָרפן אויפן אינזל, האָבן אָנגע-

היבן פֿוילן און פֿארשפּרייטן אַזאַ עיפּוש, אז
ס'איז געווען ניט צו דערהאלטן. די גיפֿטיקע און
צופֿוילטע נאָזן האָבן ווי אַ נעפּל אַרומגעוויקלט
אונזער אינזל. מענטשן און חיות זיינען קראנק
געוואָרן. פֿליגן פֿלעגן פֿאַלן אין דער לופֿטן;
פֿויגלען פֿלעגן מיט אַ הארצרייסנדן געשריי
אַראָפּפֿאלן טויטע אויף דער ערד. פֿערד און
קי פֿלעגן אומקומען מאסנווייז; מענטשן פֿלעגן
אויסגיין אין שרעקלעכע יסורים. דערפֿון האָט
זיך די מגפֿה נאָך מער פֿארשטארקט און אום-
געבראכט אַלין, וואָס עס איז נאָר געווען לעבע-
דיקי. נאָר איך איינער בין עפּעס על פּי נס ניצול
גע ארן, נאָר... נאָר איך פֿיל... אָ—אָ—אָ... אַז
שוין... שוין... ניט לאנג וועט עס געדויערן...
די כוחות גייען אויס...

— שרעקלאך, שרעקלאך! — האָט אויסגערופֿן

די שוועלבעלע — דער אמנציקער טרייסט איז כאָטש, וואָס דער היישעריק איז אומגעקומען. און דו ווייסט, פאַרוואָס דאָס איז אַלץ אַזוי? די גאַנצע צרות קומען דערפֿון, וואָס דער היי-שעריק בעתן עסן עפּעס צו ברייט די מזל. דעריבער שפּייט ער טאַקי באַלד ווידער אויס אַלץ, וואָס ער עסט. ווען ער וואָלט אָבער עסן, ווי ס'באַדאַרף צו זיין, וואָלט געשטאַיעט אי פֿאַר אים אי פֿאַר אַלעמען. איבל זיי דאָס דורכאויס זאָגן, ווען איבל זיין איצט ביי זיי... נאָר מערקווירדיק! קענסט זיך נאָרניט פֿאָרשטעלן, ווי שיין ס'האָט געשפּילט אויף איר פֿידעלע די מאַמע-היישעריק!

אַוועלע איז די שוועלבעלע געבליבן זיצן און האָט זיך פֿאַרטראַכט. דערנאָך, אויסגלייכנדיק די פֿליגעלאך האָט זי געזאָגט:

— נו, מילא, מ'דאַרף פֿליען ווייטער. קום,

װעלן מיר פֿליִען צוזאַמען.

קײן תּשובֿה איז ניט געװען. דער טשיזשיק האָט זיך א שאָקל געטאָן, װי װעלנדיק מיטפֿליִען, און איז, װי א שטײן, אַראָפּגעפֿאלן אויף דער ערד — ער איז געװען טויט.

די שװעלבעלע איז אװעקגעפֿלױגן אלײן.

[illegible]	[illegible]	[illegible]	[illegible]